# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:21
מוצאי שבת קודש............5:50

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................................זכרי' י"ד
בבלי.........................זבחים ס"ב
ירושלמי..................נדרים כ"א
תוספתא...............אהלות ט"ז
רמב"ם.......................סנהדרין ב'


פרשת חיי שרה, מברכים חודש כסליו, כ"ד חשון, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 7 (725)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דִי עֲקֵדָה הָאט עֶר שוֹין גְלַייךְ גֶעהַאט נָאךְ אַ שְׁוֶועֶרֶע נִסָּיוֹן, זַיין וַוייבּ אִיז אַוֶועק, וְוִי רַשִׁ"י זָאגְט: "נִסְמְכָה מִיתַת שָׂרָה לַעֲקֵדַת יִצְחָק, לְפִי שֶׁעַל יְדֵי בְּשׂוֹרַת הָעֲקֵדָה, שֶׁנִּזְדַּמֵּן בְּנָהּ לִשְׁחִיטָה, וְכִמְעַט שֶׁלֹּא נִשְׁחַט, פָּרְחָה נִשְׁמָתָהּ מִמֶּנָּה וּמֵתָה", דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר שָׂרָה אַז מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט אִיר זוּן צוּ שֶׁחְטְ'ן אִיז זִי גֶעשְׁטָארְבְּן; נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ פְּלַאץ וואו אִיר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייךְט אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִישְׁט טְרֶעפְנְדִיג קַיין פְּלַאץ וואו אִיר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן 'עֶפְרוֹן' וָואס הָאט אִים גֶעמַאכְט צוּ נַאר, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט דֶעם שְׁטִיקְל פֶעלְד דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אוּמְזִיסְט אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶערוֹיף טֵייעֶר גֶעלְט. זֶעט מֶען דָא אַז וואו אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען, וואו אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר נָאר גֶעהַאט נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט שְׁוֶועריקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע צַדִּיקִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאס אִיז אָבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים פִילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן דָאךְ גְלֵייבְּט עֶר וַוייטֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין קַשְׁיוֹת.

בְּפַּשְׁטוּת זֶעט אוֹיס וְוִי דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה פוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק, אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דִי לִימוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק, קֶען אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, קֶען יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת. הַיינְט אִיז שוֹין מַמָּשׁ בִּיטוּל הַבְּחִירָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי 'שִׂיחוֹת' פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער אַז עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מוֹהֲרָא"שְ'ס סְפָרִים, אִין דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן קוּנְטְרֵסִים אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, קֶען אֲפִילוּ דֶער פָּשׁוּטְסְטֶער מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע סֶדְרוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט, וואו מֶען זֶעט וְוִי דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט, דִי פְּלִשְׁתִּים הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט דִי קְוֶועלֶער וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן אוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט זוּכְן וַואסֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶר זוּכְט צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, דַארְף עֶר וִויסְן דָאס וְויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן וְוִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וְויל אִיז גוּט.

מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן "פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן?" וַוייל דָאס אִיז זִיכֶער גוּט פַאר מִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען דָאס גוּטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז אַזוֹי אִיז גוּט פַאר מִיר"**. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ב)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ יֶענֶער הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. אוּן אוֹיבּ הָאט יֶענֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶען מִיט וָואס עֶר קֶען יֶענֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיוּת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶענֶער טוּט טַאקֶע נָאר וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג. אַוַודַאי דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מְחַזֵּק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אִים צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת, דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיוּת. אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.
<<<<<<

## א גוט ווארט

לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז נִישְׁט קַיין פְרוּמֶע זַאךְ, וָואס נָאר פְרוּמֶע טוּעֶן אוּן דֶער וָואס הָאט פַיינְט פְרוּמְקֵייט לֵייגְט נִישְׁט; לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע דַארְפְן, אוּן זִיכֶער אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער קֶען דָאס זַיין זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, עֶס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ דִי תַּקָּנוֹת וָואס דִי רַבָּנִים מַאכְן (אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס), דִי אַלֶע תַּקָּנוֹת אִיז נָאר דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

אוֹיךְ זֶעט דִיךְ דִיךְ לֶעצְטְנְס, דוּ זֶעסְט נִישְׁט אוֹיס פְרֵיילִיךְ, זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר פַארְזָארְגְט, (קֶען זַיין דָאס אִיז פוּן זִיצְן מִיטְן טֶעלֶעפָאן), אֶפְשָׁר אִיז צַייט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, תְּהִילִים; דִי זֶענֶען בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים פַאר דִיר וְוִי דִי נֵייעֶ חֲבֵרִים, דִי טֶעלֶעפָאן וְכוּ'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ו)



דער מולד וועט זיין: דאנערשטאג נאכמיטאג 38 מינוט און 9 חלקים נאך 1 | ראש חודש כסליו יהיה ביום הששי

בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זִי הָאט בִּי. פִּי. דִי (BPD) ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ
יוֹם א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וואו הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דִי נַייעֶ אוֹתִיּוֹת פוּן בִּי. פִּי. דִי? זָאג מִיר, וואו שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא דִי אוֹתִיּוֹת? בַּיי וֶועלְכֶע צַדִּיק הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דִי זַאךְ? פַּארְוָואס אַרוֹיפְלֵייגְן דִי עֵי בִּי סִי אוֹיף דַיין וַוייבּ? פַּארְוואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז אַ וַוייבּ דַארְף מֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער? אוּן אַז זִי שְׁרֵייט אוּן זִי בְּלָאזְט זָאל מֶען וַוייטֶער הֶעלְפְן אוּן וַוייטֶער רֶעדְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; נִישְׁט אִיר אָפְּשְׁטֶעמְפְּלֶען מִיט עֵי. בִּי. סִי.

אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט טַעֲנָה'ן וְכוּ' וְכוּ' - וֶועסְטוּ זֶען וִוי דִי אַלֶע עֵי. בִּי. סִי. מִיט דִי נוּמֶערְן וָואס מֶען לֶעבְּלְט מֶענְטְשְׁן - צֶעפַאלְן, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר.

זָאג דַיין וַוייבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִיר דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

ט. מִי שֶׁיּוֹדֵעַ לְהַזְהִיר, וְאֵינוֹ מַזְהִיר, גַּם חֲבֵרוֹ מִיָּדוֹ נֶעֱנָשׁ [גַּם דַּם חֲבֵרוֹ מִיָּדוֹ נִדְרָשׁ]. וֶוער עֶס קֶען וָוארֶענֶען זַיין חַבֵר צוּ זַיין גוּט אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט, וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט אוֹיף דֶעם.

י. עַל יְדֵי צְדָקָה, תִּזְכֶּה לְקַבֵּל מוּסָר. דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אָנְנֶעמֶען מוּסָר רֵייד.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט <<<<<<

בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִין שׁוּל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אוּן עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן מֶען הָאט אִים שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן זַיין דִירָה. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זַיין תְּפִלִּין לִיגְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ... דֶער אִיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם: "וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? אוֹיבּ זָארְגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר מִיר, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָארְגְן פַאר מַיין גַשְׁמִיּוּת אוּן נִישְׁט פַאר מַיין רוּחְנִיּוּת"...

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזֶען וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן דַאן אִיז מוֹהֲרָא"ש אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "קוֹדֶם זָארְג זִיךְ פַאר מַיין גַשְׁמִיּוּת. מִיט מַיין רוּחְנִיּוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט מַיין גַשְׁמִיּוּת וָואלְסְטוּ מִיר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן"...

רֶבִּי מֶעכֶעלֶע ז"ל - עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק ז"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן - הָאט אַמָאל גֶעהַאט צוּ זִיךְ אַלְס גַאסְט, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי מֶעכֶעלֶע אַז עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף. הָאט אִים רֶבִּי מֶעכֶעלֶע גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט מִיר נָאכְזָאגְן פוּן מַיין זֵיידְן רֶבִּי נָתָן אַז אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ דַארְף זִיךְ נָאר זָארְגְן פַאר דִי גַשְׁמִיּוּת פוּן זַיין גַאסְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחְנִיּוּת.

דָאס אָבֶּער נִישְׁט נָאר בַּיי אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ. מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן לַאו דַוְקָא בְּרוּחֲנִיּוּת, נָאר טַאקֶע בְּגַשְׁמִיּוּת.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶּער זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַן הַכָּרַת הַטּוֹב. נִישְׁט אֵייבִּיג וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נָאךְ גֵיין נָאךְ וַוייטֶער אַז יֶענֶער אִיז גָאר אַ "מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה" - אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין, וֶועט גָאר יֶענֶער צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ אִיד מֵיינְט עֶס אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶת, עֶר ווִיל בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וֶוער עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם. עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק דֶערְפַאר.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֶזְרָה וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וִוי עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיבּ דְרֵייְדְט עֶר זִיךְ בַּיי נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס נַארְן אִים אָפּ, זֵייעֶר גַאנְצֶער קָאפּ אוּן מֹחַ אַרְבֶּעט נָאר וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּנַארְן נָאךְ גֶעלְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן לֵיידִיג.

אֵיינְמָאל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט פוּן דִי בָּחוּרִים, "וִוי אַזוֹי וֵוייסְט אִיר אַז אִיר זֶענְט יָא אוֹיף אַן אֱמֶת'עֶ פְלַאץ, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ גָאר דֶער פַאלְשֶׁער מֶענְטְשׁ אוּן דֶער לִיגְנֶער, אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ אַייךְ גוּט אָפּ?", הָאט אַ בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶר נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז עֶר וֶועט אַמָאל אִין לֶעבְּן קֶענֶען עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן נָאךְ פִילֶע אַנְדֶערֶע לִימוּדִים אוּן שִׁיעוּרִים, אוּן יֶעצְט וֶוען אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ גוּטֶע סִימָן צוּ וִויסְן אוֹיבּ מֶען אִיז אוֹיף אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אַלֶעמָאל זָאל מֶען נָאר קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט אִין דִי הַאנְט, וֶוען מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ, זָאל מֶען אֵייבִּיג קוּקְן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט אַרַיין, אוֹיבּ דוּרְךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז מֶען זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, זַאכְן וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים; דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער סִימָן צוּ וִויסְן אוֹיבּ מִיר לָאזְן זִיךְ אָפְּנַארְן אָדֶער נִישְׁט.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ס')

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רכז)

**תשסא**

דָאס דרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן אוּן פָארְכְטִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צְווִישְׁן פּוּרִים אוּן פֶּסַח, אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן בִּיז סוֹף פוּנֶעם זוּמֶער, אוּן מֶען הָאט עֶס גֶעשִׁיקְט פוּן שְׁטָאט אוֹסְטְרָאָה קֵיין בְּרֶסְלֶב.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעדְרוּקְט טוֹיזְנְט סְפָרִים, אוּן אִין דִי עֶרְשְׁטֶע הוּנְדֶערְט סְפָרִים אִיז אַרֵיינְגֶעפַאלְן אַ טָעוּת אִינֶעם שַׁעַר בְּלַאט אִיבֶּער דִי יָאר פוּנֶעם דְרוּק, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גִימַטְרִיָּא פוּן תקס"ו, עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען "לְסֵדֶר וּפְרָט הִנְנִי נוֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי **שָׁלוֹם** לִפְרָט קָטָן", דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעמַאכְט דֶעם שַׁעַר בְּלַאט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְּן "לְסֵדֶר וּפְרָט הִנְנִי נוֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי **שָׁלוֹם** לִפְרָט קָטָן", וָואס דָאס אִיז דִי יָאר תקס"ח.

אִין יֶענֶעם דְרוּק אִיז אוֹיךְ גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה, "אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ", מִיט אַן אַנְדֶערְן נוּסַח פוּן וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, אוּן אוֹיךְ אִיז נִישְׁט אַרֵיינְגֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן דִי מַרְאֵי מְקוֹמוֹת פוּן פְּסוּקֵי תַּנַ"ךְ, מַאַמְרֵי חֲזַ"ל פוּן גְמָרָא, מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי אָפְּגֶעטֵיילְטֶע אוֹתִיּוֹת אִין דִי תּוֹרוֹת, אוּן נָאךְ זַאכְן אַנְדֶערְשׁ ווִי שְׁפֶּעטֶער.

**תשסב**

**זוּנְטָאג, י"ז סִיוָן,** אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג מִיטְ'ן צִיל צוּרִיק צוּ פָארְן אַהֵיים קֵיין בְּרֶסְלֶב. עֶר אִיז גֶעפָארְן דוּרְכְ'ן שְׁטָאט בְּרָאד, וָואס אִיז אוּמְגֶעפֶער זֶעכְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן לֶעמְבֶּערְג, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג קֵיין בְּרָאד הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר בְּעֶרֶךְ צְווֵיי וָואכְן אִין הוֹיז פוּן זַיין שְׁוָוער ר' יְחֶזְקֵאל טְרַאכְטִינְבֶּערְג.

דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן גֶעוָוארְנְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן אוֹיף קֵיין שׁוּם נְסִיעָה, ווַייל עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוָוער גֶעוֶוען דָאס פָארְן צוּלִיב זַיין שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט פָארְן מֶער ווִי אֵיין פַּרְסָה אַ טָאג, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט דֶערְפוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן שְׁנֶעל, אַזוֹי ווִי דִי סוֹחֲרִים פָארְן, אַסַאךְ פַּרְסָאוֹת אִין אֵיין טָאג.

**תשסג**

**דִינְסְטָאג, ג' תַּמּוּז,** אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט בְּרָאד, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת חֻקַּת צוּם שְׁטָאט יַאנוּב, וָואס אִיז

>>>>>>

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מוֹרָא הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטַ"א,**

דֶער מְנַהֵל אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט הַיינְט אַן אֲסִיפָה פַאר דִי מְלַמְּדִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן טִישׁ דִי תַּקָּנוֹת וָואס עֶר ווִיל אַיינְפִירְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי תַּקָּנוֹת אִיז אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה אוֹיף קֵיין שׁוּם וֶועג אוּן פַאל.

יֶעדֶער צִיטֶערְט אַבִּיסְל, דַארְף אִיךְ אוֹיךְ מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס, דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען מִיר מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה.

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווַיי ווַיי אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין הֵיילִיג, ווַיי ווַיי אַז נָאכְאַלְץ, נָאכְן הֶערְן יֶעדְן טָאג שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת ווִי מְנֻוָּלִים בַּאצְוִוינְגֶען קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בַּחוּרִים מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן נָאכְאַלְץ קֶען זַיין אַ מְנַהֵל וָואס פִירְט אַ הֵיימִישֶׁע חֵדֶר וָואס זָאל זָאגְן: "בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה".

אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶוייטֶער פוּן קְדוּשָׁה, הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, דוּ זָאג דִי קִינְדֶער: "קֵיינֶער טָאר דִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען אִין אַ פַארְמַאכְטֶע צִימֶער אוּן דִיר עֶפֶּענֶען דַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן דִיךְ אָנְרִירְן בַּיי דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע פְלֶעצֶער, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל דִיךְ אָנְרִירְן אָדֶער עֶר צְווִינְגְט דִיר דוּ זָאלְסְט אִים אָנְכַאפְּן אוֹיף נִישְׁט אַן אֵיידֶעלְן וֶועג - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁרֵייעֶן, אוּן אוֹיבּ קֵיינֶער ווִיל דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי פָּאלִיצֵיי"; נֶעם נִישְׁט דִי שְׁטְרָאף אוֹיף דִיר, אַז אַ מְלַמֵּד רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער - וֶוערְט עֶר אַלֵיינְס בַּאשְׁטְרָאפְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל אָנְגֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֶרֶךְ צְווֵיי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵּד, ווֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵּד זִיךְ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן מִיט אִים הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ ווֵיינֶען פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: "אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס ווֵיינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט ווֵיינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...?" הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "ווַיין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, זֵיי הָאבְּן פוּגֶם גֶעוֶוען בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג".

לֵייג אַרַיין שִׂמְחָה אִין דִי קִינְדֶער, זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה, אוֹיךְ עֶרְנְסְט, אָבֶּער אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ; פוּן אֵיין זַייט ווֵייסְן דִי קִינְדֶער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן ווֶוען דֶער רֶבִּי לֶערְנְט פָאר, דִי קִינְדֶער ווֵייסְן אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז פְרֵיילִיךְ, דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ זַיין אִין חֵדֶר, עֶס אִיז אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיטְ'ן מְלַמֵּד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אוּמְגֶעפֶער הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט בְּרָאד.

**תשסד**

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת**, ז׳ תַּמּוּז, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט יַאנוּב, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן פוּן דִי שְׁטָאטְ׳ס לַייט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בִּכְלַל דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט.

**תשסה**

**מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ**, אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶועןן דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶע וָואךְ, עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז צוּם עֲלוֹת הַשַּׁחַר.

**תשסו**

**זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בָּלָק**, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין, וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוֹיפְ׳ן וֶועג אָנְצוּקוּמֶען אַהֵיים קַיין בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז בְּעֶרֶךְ פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן שְׁטֶעט יַאנוּב.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם דֶערְפְל וַוארְנִיוִויצֶע, אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי אוּן פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן בְּרֶסְלֶב, הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלוּצְלִינְג גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר אִיז בַּאלְד אַרוֹיפְגֶעטַאנְצְן אוֹיפְ׳ן וָואגְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, נָאכְ׳ן נִישְׁט זֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פַאר בַּאלְד אַ גַאנְצֶע יָאר, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין לֶעמְבֶּערְג גְלַייךְ נָאךְ סוּכּוֹת (זֶע אוֹיבְן סִימָן תשכ״ח), אוּן דָא זֶעט עֶר פְּלוּצְלִינְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוּן עֶקְסְטַאז אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעטַאנְצְן אוֹיפְ׳ן וָואגְן אוּן גֶעגֶעבְן שָׁלוֹם פַארְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעקוּשְׁט זַיין הֵיילִיג הַאנְט, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי׳ן.

**תשסז**

פַארְנַאכְטְס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אַלֶע שְׁטָאטְ׳ס לַייט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי טוֹיעֶרְן פוּן שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַ רַעַשׁ אוּן אַ גֶעפִּילְדֶער אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָא, חַבְרָא חַבְרָא אִית לֵיהּ, דִי פְרֵיילִיכֶע בְּשׂוּרָה הָאט זִיךְ גַאנְץ שְׁנֶעל צוּשְׁפְּרֵייט פוּן מוֹיל צוּ אוֹיעֶר, דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן יֶעדֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין זַיין הוֹיז, זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט פַארְזַאמְלְט גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פוּן דִי שְׁטָאטְ׳ס לַייט, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט, אוּן עֶר הָאט אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער זַיין נְסִיעָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, ״וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן פוּן לֶעמְבֶּערְג בִּיזְ׳ן דָארְף וַוארְנִיוִויצֶע, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי חוֹנִי הַמְּעַגֵּל וָואס אִיז גֶעשְׁלָאפְן זִיבֶּעצִיג יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן מִיר, אָבֶער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט אִין דָארְט, וִוי עֶס אִיז מִיר אַרוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען דֶער אִיד אוֹיפְ׳ן וָואגְן, הָאט עֶר מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מֶען גֶעדֶענְקְט מִיךְ נָאךְ יָא״.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט דֶעמָאלְט, ״אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ יֶעצְט וִוי ׳כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ׳ (תְּהִלִּים קל״א, ב׳)״

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **ראובן ברנבוים** הי״ו קרית ברסלב

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו״ה **נפתלי קליין** הי״ו יבנאל

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו״ה **נחמן נתן מיימוני** הי״ו יבנאל

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו״ה **יצחק גאדלווי** הי״ו צפת

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו״ה **עזרא בוים** הי״ו קרית ברסלב

צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון

החתן **נפתלי בוים** הי״ו עב״ג בת

מו״ה **משה ארי׳ שניטצלער** הי״ו קרית ברסלב

***

מו״ה **נח הערש ווייס** הי״ו קרית ברסלב

צו די אפשערן פון זיין זון **נחמן נתן** נ״י למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# גליון ״אשית עצות בנפשי״ באנייעט

דער הערליכע גליון ״אשית עצות בנפשי״, וואס האלט שוין ביים דריטן יאר זייט עס איז ערשינען צום ערשטן מאל לאור עולם, איז די וואך ארויסגעקומען מיט׳ן גליון נומער 112, צום גרויס פרייד פון אנשי שלומינו וואס זענען זיך מחי׳ וועכנטליך מיט דעם הערליכן קונטרס, נאכ׳ן זיין אפוועזנד פון בעפאר די הייליגע טעג.

אינעם קונטרס ווערט אפגעשריבן יעדע וואך א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט״א אויף א לייכטן לשון הקודש, וואס דאס איז גאר שטארק בייהילפיג פאר פילע אידן וואס פארשטייען נישט קיין אידיש און ווילן אויך זוכה זיין מיטצוהאלטן די חיזוק און הדרכה פונעם ראש ישיבה שליט״א, און אויך פאר די וואס פארשטייען יא, אבער ווילן איבער׳חזר׳ן דעם שיעור, האבן דעם שיעור פאר די אויגן, בעטן דעם אייבערשטן צו לעבן מיט עצות פון הייליגן רבי׳ן, נוצן דעם קונטרס איבערצופרישן און איבערצו׳חזר׳ן די הערליכע און טייערע שיעורים, אום שבת קודש קען מען איבערגיין דעם שיעור מיט די משפחה, וואס מיט׳ן יעדע שיעור באזונדער קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד א גאנץ לעבן, אויב מען בעט דעם אייבערשטן און מען פרובירט צו מקיים זיין וואס מען הערט ביים שיעור.

אין צוגאב צו דעם ענטהאלט אויך דער קונטרס גאר אינטערעסאנטע שמועסן פונעם ראש ישיבה שליט״א, צומאל פון א שבת קודש, צומאל פון נאך די שיעורים אין גמרא, און צומאל פון אנדערע אינטערעסאנטע געלעגנהייטן, וואס איז גאר אינטערעסאנט צו ליינען און מיטהאלטן.

אין דעם וואכנדיגן גליון פון פרשת חיי שרה איז באשריבן גאר אסאך שמועסן אין לויף פון די טעג וואס מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן רבי׳ן אין אומאן אויף ראש השנה, די שמועסן זענען פול מיט אזויפיל סארט זאכן און פארשידענע נושאים, וואס איז צוגעגליך און אינטערעסאנט פאר יעדן איינעם. ווי אויך איז אפגעשריבן דער ליל שישי שיעור פון פארגאנגענע יאר פרשת חיי שרה תשפ״ה.

דער קונטרס ווערט געשריבן דורך הר״ר יואל לעווי שליט״א פון בני ברק, אנשי שלומינו זענען אים זייער דאנקבאר פאר זיין איבערגעגעבענע און געוואלדיגע ארבעט יעדע וואך.

דער גליון איז דא צו באקומען יעדע וואך ביי אלע מפיצים.

## ערליכע טשילן

**איך וויל טשילן, איך בין נישט קיין כאניאק, איך וויל מאכן א לעבן, איז דא א וועג צו האבן פאן און טשילן און צו די זעלבע צייט זיין אן ערליכער איד?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 18**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**